וואס בא יעדערן איז דאך דא זמנים ביום וואס תורה איז מגינא ומצלא און וואס מצות זיינען מגין ומציל, דארף דעמאלט אויך זיין א זהירות, ווייל לפתח חטאת רובץ, ער איז אלעלמאל רגיל בהבנה והשגה.

אוצר החכמה

און דאס איז די הוראה צו יעדערן ביז צו עבודה יום יומית, ווי דער אלטער רבי איז דאך מוסיף אז בכל יום ויום חייב אדם לראות א"ע כאלו היום יצא ממצרים, און עס דארף זיין פעמיים בכל יום, סיי בשחרית בהכנת היום ווען ס'איז ליכטיג, און סיי בערבית וואס דעמאלט איז חושך, און ער דארף טאפען א וואנט, און ק"ש זאגט דער אלטער רבי איז דבר אחד ממש מיט יצי"מ (כמשנ"ת בהמאמר), איז דער תכלית שיגיע, ביז צו בכל מאדך, בכל מדה ומדה שהוא מודד לך.

ולימודו בתורה וקיום המצות זאל זיין אין א אופן אז דאס זאל ארויסנעמען פון מצרים ברוחניות, ביז עס וועט זיין דער היום אם בקולי תשמעון ויהי' הגאולה שלימה ע"י משיח צדקנו.

יא. יציאת מצרים איז דאס א ענין כללי, וואס יעמאלט זיינען די אידען ארויסגעגאנגען משעבוד לגאולה, נישט ווי לאחר מ"ת וואס יעמאלט זיינען אלע אידען משועבד להקב"ה, און דער וואס פארקויפט זיך פאר א עבד זאגט דאך דער אויבערשטער שטרי קודם לשטרו, אז ער בלייבט אלעמאל א עבד צום אויבערשטן, משא"כ בא יצי"מ, איידער ס'איז געווען מ"ת, און פאר דעם וואס עס האט זיך אופגעטאן בגלוי דער אנכי הוי' אלקיך אשר על מנת כן הוצאתיך מארמ"צ, זיינען זיי געווען עבדים, האט זיי דער אויבערשטער ארויסגענומען משעבוד לגאולה, וואס דאס איז א ענין כללי אויף ווערן עבדי ה' און מקיים זיין תומ"צ.

וואס דאס וואס בשביל ישראל שנקראו ראשית איז דאס גופא בשביל התורה שנקראת ראשית, וואס דאס איז דער גאנצער מציאות פון א אידען, ווי מ'זאגט אין מעריב כי הם חיינו ואורך ימינו,

און ווי דער משל פון ר"ע אז אידען זיינען דאס בדוגמת דגים, שמיד שפורשים מן המים מיד הם כו', נישט ווי ברואים שביבשה, מערניט וואס חיותם איז תלוי ביבשה אבער נישט אז מציאותם איז יבשה, משא"כ דגים איז כל מציאותם מים.

ביז אז דאס קומט אראפ אין הלכה אז ר"ש זאגט אז כל שהוא מן הים אינו חוצץ, וואדום אלץ וואס איז אין ים איז כל מציאותו מים, ביז בנוגע צו לטהר טמא איז דאס נישט מבלבל נאר דאס איז אויך מסייע, ווייל מציאותו איז מים, און אזוי איז די הלכה בכמה ענינים, כידוע השקו"ט אז אמאל איז די הלכה ווי ר' שמעון און אמאל איז די הלכה ווי ר' עקיבא.

וואס אין תומ"צ איז זכר ליצי"מ א עיקר אין תומ"צ, ביז אז מ'זאגט אז כללות המצות זיינען זיך מתייחס אין א אופן פון זכר ליצי"מ, ביז אז מצות תפלין, וואס הוקשה כל התורה לתפלין (קדושין לד), איז אויך זכר יצי"מ.

איז דערפון פארשטאנדיק אז די ענינים וואס האבן געבראכט יצי"מ זיינען ענינים כלליים, ע"ד ווי פריער גערעדט וועגן מצה, אזוי איז אויך בנוגע צו קרבן פסח,

וואס בנוגע צו קרבן פסח רעדט זיך וועגן אים פרטים אין תושב"כ, נוסף אויף די פרטים פון תושבע"פ , מערער ווי אין אנדערע קרבנות.

בא קרבן פסח ווערט פארעכענט די מצות פון שחיטת ק"פ און די מצוה פון אכילת ק"פ פאר צוויי באזונדערע מצות, אין ספר המצות להרמב"ם. (מ"ע נה, נו), נישט ווי בא אנדערע קדשים וואס עס איז נישטא קיין מצוה מיוחדת בא יעדן קרבן אויף זיין אכילה, נאר אלץ ווערט נכלל אין איין ציווי, סיי קדשי קדשים און סיי קדשים קלים, ביז אפילו תרומה, גייט דאס אלץ אריין אין איין ציווי, איז דאך א כ"ש אז קרבן פסח וואלט אויך געקאנט אריין גיין אין דעם ציווי, פונדעסטוועגן איז דאס דער פסוק מחלק - בא ק"פ - פאר צוויי מצות, איין מצוה שחיטת ק"פ, און א צווייטע אכילת ק"פ, און וויבאלד אז דער פסוק טיילט דאס פאנאנדער פאר צוויי באזונדערע מצות, דעריבער רעכנט דאס דער רמב"ם אויך פאר צוויי מצות.



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 412 הודפס ע"י אוצ

איז דער טעם הדבר, ווי דער רמב"ם זאגט (מ"ע נו) שצונו לאכלו הפסח בתנאיו, ד.ה. אז וויבאלד אז עס איז דא ספעציעלע תנאים אין אכילת קרבן פסח, איז דאס א ביאור אויף דעם וואס עס איז א מצוה בפ"ע.

וואס דערמיט ווערט פארענטפערט, הגם אז בא קדשים קלים שטייט אויך מן הבשר תאכלו, פונדעסטוועגן ווערט דאס - אכילת קדשים קלים - נישט קיין מצוה בפ"ע.

וואס דאס איז ער מבאר אין תשובות ר' אברהם בן הרמב"ם פארוואס איז שחיטת ק"פ און אכילת ק"פ באזונדערע מצות, וויבאלד אז זיי זיינען בזמנים מחולקים, נישט ווי בא אנדערע קרבנות וואס עס קען זיין אכילתו בזמן שחיטתו, משא"כ בא קרבן פסח איז א תנאי, אז שחיטתן דארף זיין בין הערבים און אכילתו איז דוקא בלילה.

נאך א טעם, אז שחיטת קרבן פסח איז תלוי בכרת, אויב מ'האט ניט גע'שחט'ן איז מען חייב כרת, משא"כ אויב מ'האט געקוילעט אבער נישט געגעסן פון עם, איז מען עובר נאר אויף א עשה אבער נישט בכרת. דעריבער טיילט זיך אויס שחיטת ק"פ למצוה בפ"ע.

מען פרעגט אבער אויף דעם, אז אויך בנוגע אנדערע קרבנות געפינט מען בא זיי תנאים, און פונדעסטוועגן איז דאס נישט קיין מצוה בפ"ע, און אזוי איז אויך דא כמה חילוקים צווישן אכילת ושחיטה בא אנדערע קרבנות, און אעפ"כ איננו נחשב למצוה בפ"ע.

נאר אויף דעם איז דער ביאור, אז דאס באווארענט דער רמב"ם מיט'ן ווארט "בתנאיו ד.ה. אז בא ק"פ איז דא א ריבוי פרטים ותנאים אין תושב"כ, משא"כ בא אנדערע קדשים שטייט אין תושב"כ נאר אז מ'זאל דאס עסן, און די אנדערע תנאים זיינען און גדרים, לערנט מען אפ פון לימודים אדער הלכה למשה מסיני וכו', אבער פסח שטייט דאך אין תושב"כ אלע פרטים עס זאל זיין נא, און צלי אש, ועצם לא תשברו בו, און אלע פרטי פרטים, דעריבער איז דא אכילת ק"פ א מצוה בפ"ע.

דאס אלץ איז א טעם פארוואס ער רעכנט דאס פאר א מצוה בפני עצמה, וויבאלד אז דער פסוק רעכנט אלע פרטים דערפון, אבער דאס גופא איז דורש טעם וביאור פארוואס טאקע האט דאס די תורה אויסעטיילט באזונדער.

ווי גערעדט פריער אז יציאת מצרים איז א יסוד ומקור לכל המצות, אזוי איז אויך פסח וואס ער איז פון די ג' דברים וואס האבן געבראכט צו יצי"מ, פסח מצה ומרור, וואס מרור איז דאך מערניט ווי מכשירי פסח, אבער פסח און מצה זיינען דער עיקר, דערפאר איז אין פסח אויסעטיילט שחיטה באזונדער און אכילה באזונדע.

אדרבה, מצד הסברא, האט געדארפט זיינען בא אנדערע קרבנות, האט געדארפט זיין איין ציווי אויף הקרבת הקרבן, און א צווייטער אויף אכילת הקרבן, דער ציווי וואס איז כולל כל הקרבנות, עס איז אבער אויסעטיילט פון שחיטת הקרבן, משא"כ בפסח האט געדארפט זיין איין מצוה שחיטתו ואכילתו.

ווארום בא אלע קרבנות איז הבאת הקרבן ניט פארבונדען מיט אכילה, משא"כ בא פסח איז מעיקרא כי אתי לאכילה אתי, וואס דאס איז א ביאור אז בשעת השחיטת קרבן פסח דארף שוין זיין די מינויים וואס וועלן קענען עסן דעם קרבן, און נישט קיין חולה וכו', משא"כ בא אנדערע קרבנות וואס די שחיטה זיינע האט גארנישט צו טאן מיט דער אכילה, וואלט בא קרבן פסח געדארפט זיין וויניקער ווי בא אנדערע קרבנות, ווייל די אכילה איז נכללת בשעת השחיטה, ווייל עס דארף זיין בעת השחיטה אזוינע מנוים וואס וועלן קענען עסן, ובלא"ה טויג ניט די שחיטה, און אעפ"כ טיילט דאס אויס דער פסוק.

וואס דער טעם אויף דעם איז, כאמור, וויבאלד אז דאס איז א הקדמה צו דעם ענין כללי יציאת מצרים, וואס מצה איז דער עיקר הקדמה, דעריבער איז דאס אויך בזמן הזה מדאורייתא, אע"פ אז עס איז ניטא קיין פסח, און נאך דעם קומט דער ענין הפסח וואס ער איז ניט קיין מכשירים צו מצה ומרור, נאר אדרבה זיי זיינען מכשירים אלץ, וואס דעריבער איז שחיטת הק"פ מצוה בפ"ע ואכילתו מצוה בפ"ע.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 413 הודפס ע"י אוצר

און דער ק"פ טיילט זיך אויס פון אנדערע קרבנות וואס ס'איז דא א חילוק בין זמן שחיטתו וזמן אכילתו, ודלא כבשארי קרבנות, וואס די התחלת השחיטה האט זיך נאך אנגעהויבען ביו"ד בניסן בשעת מ'האט געדארפט בודק זיין את הפסח ממומין שבו, משא"כ אכילת ק"פ איז דוקא בליל ט"ו כשיצאו ממצרים, ווארום גלייך ווי עס האט זיך געענדיקט אכילת פסח זיינען אידען ארויס פון מצרים.

אפילו לויט דער דעה וואס האלט אז ק"פ מעג מען עסן נאר עד חצות, דארף אבער די מציאות פון ק"פ זיין ביז אינדערפרי, וואס דערפאר איז אין שורפין את הנותר דק"פ לדברי הכל ביז אינדערפרי.

נאך א ענין כללי איז דא אין קרבן פסח אנדערש ווי בא אלע אנדערע מצות, וואס ס'איז דא פסח שני.

נישט ווי אומעטום וואס מ'זאגט אז עבר זמנו בטל קרבנו, נאר בא פסח בשעת עס זיינען געקומען די וואס היו טמאים לנפש אדם און האבן געמאנט למה נגרע, האט מען זיי געענטפערט דעם ענין פון פסח שני.

וואס לכאורה, וואס איז געווען זייער שאלה, מ'ווייס דאך אז אומעטום איז עבר זמנו בטל קרבנו, און לפועל האבן זיי אויסגעפירט אז עס איז געווארן פסח שני.

דער ענין הקרבן בכלל איז דאך ווי דער רמב"ן איז מבאר, אז דער וואס איז מקריב דעם קרבן דארף טראכטען אז דאס אלץ וואס מ'טוט צום קרבן, האט מען געדארפט טאן צו עם, נאר בחסד ה' האט דאס דער אויבערשטער אומגעביטען אויף א קרבן, און אזוי אויך בא ק"פ אין א אופן כללי.

דעריבער בא קרבן פסח, וויבאלד ס'איז דאך א ענין כללי, כנ"ל, דעריבער האבן זיי גע'טענה'ט למה נגרע, וויבאלד אז דורך ק"פ ווערט אופגעטאן אז מ'גייט אריבער צו ווערן עבדי ה', איז נישט קיין ראי' דערפון וואס בא אנדערע קרבנות איז עבר זמנו בטל קרבנו, ווייל דארט ווערט עס פעלן מערניט ווי א פרט, עס קאן אבער נישט זיין - האבן זיי גע'טענה'ט - אז דורך טמאים לנפש אדם, וואס דאס איז היפך החיות, זאל בא זיי פעלען א ענין פון אריבערשפרינגען פון עבדי פרעה, און ווערן עבדי ה'.

און אויף דעם האט מען זיי געגעבען דעם ענין פון פסח שני, צו ווייזען אז עס איז קיינמען נישט צושפעט, אע"פ אז ער איז געווען טמא, אדער בדרך רחוקה, איז צוליב א יחיד, מאכט מען א ענין פון פסח שני.

ווארום צוליב א צבור, דארף מען נישט אנקומען דערצו, ווארום בצבור איז אפילו בטומאה איז מען מקריב בי"ד בניסן, און דא באווארענט מען א יחיד, און מען איז מסדר כהנים און לויים און אנשי מעמד אלץ כדי אויף ראטעווען א יחיד.

און אין ק"פ איז דא צוויי ענינים, (ע"ד ווי אין עבודת ה' בכללות), דער זמן שחיטת הפסח, איז מצד עצמו האט ער נישט קיין תוכן, נאר דורך דעם וואס אין דעם זמן איז מען מקריב א ק"פ ווערט אין עם אופגעטאן א ענין, וואס דעריבער ווערט דאס ווי א טאג וואס מ'איז אין עם מקריב א קרבן וכל ההנהגות שבו, וואס בי"ד בניסן אחרי חצות - מצד עצמו - זיינען זיי נאך געווען מושקע אין מצרים, און דורך דעם וואס מ'האט מקריב געווען דעם ק"פ, האט דאס משנה געווען דעם זמן אז ער איז געווארן א תוכן'דיקער,

ליל פסח אבער איז פונקט דער היפך, וואס דאס איז דער זמן יצי"מ, איז מצד עצמו איז דאס ליל התקדש חג, וואס יעמאלט איז געווען דער פסח הוי' על בתי גו' און דעריבער איז מען מקריב דעם ק"פ פריער אויף עסן עס דוקא אין דעם זמן וואס אין עס איז געווען פסח הוי', וואס פונקט ווי בערב פסח איז די שחיטה מאכט איבער דעם זמן, עד"ז בלילה איז פארקערט, אז די אכילה איז צוליב דעם זמן.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 414 הודפס ע"י אוצר

פסח שני - וואס ענינו איז א קיינמאל נישט צו שפעט - איז אויך דא צוויי זמנים, דער זמן האכילה און דער זמן השחיטה, וויבאלד אבער אז דאס קומט נאר מצד ענין הפסח, אבער נישט מצד קדושת הזמן, ווארום קדושת הזמן איז דאך חל בט"ו בניסן אפילו אויף דעם וואס איז טמא און איז געווען בדרך רחוק, איז ווי עס שטעלט זיך איבער אין פסח שני איז דאס נאר דעם ענין הקרבן (וואס ער איז משנה דעם זמן, כנ"ל),און ביידע חיובים פון שחיטה ואכילה זיינען פאראן, עס האט אבער נישט קיין שייכות צו ליל התקדש חג.

דערמיט ווערט פארענטפערט דאס וואס די גמרא זאגט די חילוקים שבין פסח ראשון לשני, אז בפסח ראשון איז געווען אמירת הלל באכילתו ובהקרבתו, פסח שני אבער איז געווען אמירת הלל נאר בעשייתו אבער נישט באכילתו

און אויף דעם זאגט די גמרא צוויי טעמים, מיט א איבעית אימא, דער ערשטער טעם איז, אז וויבאלד אס עס שטייט ליל התקדש חג גו' בשיר, איז דעריבער זאגט מען הלל נאר בפסח ראשון בלילה וואס דעמאלט איז א חג, משא"כ ליל ט"ו אייר איז דאך נישט קיין חג איז אימעוט מאמירת הלל, משא"כ בנוגע לאמירת הלל דהיום וואס לא אימעוט, זאגט מען הלל אויך בעת הקרבת הפסח שני.

איבעית אימא - אז אפשר ישראל עושין פסחיהם ונוטלים לולביהן ואין אומרים הלל.

עס איז אבער שווער נאך ביידע טעמים - נאך דעם צווייטען טעם איז נישט פארשטאנדיק פארוואס מ'זאגט נישט בעת אכילת הפסח, ער זאגט דאך נאר א סברא פארוואס מ'זאל יא זאגן בעת הקרבתו.

און נאך דעם ערשטן תירוץ איז שווער, דער טעם פון יומא לא אימעוט איז דאך נאר א טעם השלילה, אבער נישט א טעם אויף יא זאגען בעת הקרבתו, איז דאך ניטש פארשטאנדיק פארוואס - לויט דעם טעם - זאל מען יא זאגן הלל בעת הקרבת קרבן בי"ד באייר, קיין נס איז דאך יעמאלט ניט געווען, איז דאך דאס פונקט ווי אלע קרבנות, איז פארוואס זאל מען זאגן הלל.

איז דער ביאור אין דעם, אז בא פסח ראשון דאס וואס מ'זאגט הלל בעת אכילתו איז דאס ווייל דעמאלט איז ליל התקדש חג, ד.ה. מצד דעם נס פון יצי"מ דעריבער זאגט מען שירה, וויבאלד אז בליל זה איז אויך דא אכילת פסח, איז נתחבר ונקבע געווארן אמירת הלל צו אכילת פסח, אבער אכילת פסח איז מערניט ווי א טפל צו קדושת היום.

משא"כ אבער דער הלל פון בעת עשיית הפסח (ראשון) איז ער דאך נישט תלוי בקדושת ימי הפסח, און נישט מיט קיין נס, ווארום דער נס איז דאך געווען מיט צוועלף שעה שפעטער, נאר מצד הקרבת הפסח עצמו. איז אויב אזוי נישט קיין נפק"מ צי דאס איז פסח ראשון צי דאס איז פסח שני זאגט מען הלל בעת הקרבתו, דער הלל אבער וואס מ'זאגט בייננאכט (ליל ט"ו ניסן) איז דאס בעיקרו צוליב ליל התקדש חג, קדושת ליל פסח, און אכילת ק"פ איז א טפל דערצו וואס דערפאר זאגט מען נישט קיין צוויי מאל הלל, איינמאל פאר קדושת החג, און נאך אמאל פאר אכילת הקרבן. דערפאר בעת אכילת פסח שני איז נישטא אויף וואס צו זאגן קיין הלל.

אבער הקרבת פסח איז גלייך פסח ראשון ושני, דעריבער זאגט מען הלל סיי בראשון און סיי בשני.

והראי' אז אמירת הלל בליל פסח ראשון איז דאס מצד התקדש חג, אבער נישט מצד אכילת ק"פ, ווארום בפסח שני איז דאך דא די אלע מצות שבגופו, פונקט ווי בפסח ראשון, אל תאכלו ממנו נא וכו', און אויב דער הלל וואלט געהאט א שייכות צו דער אכילה, איז פארוואס זאל ער נישט זיין בפסח שני, אלא ע"כ אז די אכילה איז נישט דער גורם פון הלל.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 415 הודפס ע"י אוצר

וואס דערמיט וועט מען פארשטיין דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז פונקט ווי בא פסח ראשון איז אכילתו ושחיטתו צוויי באזונדערע מצות, אזוי איז אויך בא פסח שני שחיטת הפסח א מצוה פאר זיך און אכילתו א מצוה פאר זיך (מ"ע נז, נח).

ווי מ'האט געפרעגט אז פארוואס איז דאס בא פסח שני א מצוה בפ"ע, ס'איז דאך לכאורה א המשך פון דעם פסח ראשון. האט ער געענטפערט, אז דאס איז אלץ נאך דער דיעה אז פסח שני איז א תשלומין פון פסח ראשון, לויט דער דיעה אבער אז ער איז א רגל בפ"ע, איז דאס בפסח שני אויך צוויי מצוות, ע"ד ווי חטאת איז א ענין בפ"ע און אשם בפ"ע, אזוי איז אויך פסח ראשון ושני שני ענינים בפ"ע, ממילא איז די מצות פון פסח שני ווערן גערעכנט באזונדער.

מ'דארף אבער פארשטיין פארוואס אבער זאל אכילת פסח שני נישט נגרר ווערן בתר אכילת פסח ראשון, און פארעכענט ווערן פאר איין מצוה, ווארום אכילת פסח שני איז דאך ממש מיט די זעלבע תנאים ווי פסח ראשון, וואס מה דאך אז אכילת קדשי קדשים קאן מגרר זיין קדשים קלים און תרומה, אע"פ אז ס'איז דא שינויים אין זיי מן הקצה אל הקצה, דארף דאך אכילת פסח שני זיכער נגרר ווערן נאך אכילת פסח ראשון.

נאר וויבאלד אז אכילת פסח ראשון איז תלוי מיט דעם נס שאירע באותו לילה, דער אשר פסח הוי' דעריבער קאן ער נישט נגרר ווערן אכילת פסח שני, וואס זמן אכילתו איז אין א זמן וואס ס'איז נישטא קיין קדושת החג, ע"ד ווי בעת אכילתו איז נישטא קיין הלל, עס דארף טאקע זיין אלע פרטים ווי בפסח ראשון, למנויו, און צלי אש וכו', עס קען אבער נישט נגרר ווערן אחרי', ווייל פסח ראשון איז תלוי בנס און פסח שני נישט, דעריבער וויבאלד אכילת פסח שני קאן נישט נגרר ווערן נאך דעם ראשון, מוז דאס ווערן א מצוה בפ"ע,

די הוראה דערפון בעבודה איז - פסח שני, וואס ענינו איז אז מ'האט נישט פארשפעטיקט, אפילו דער וואס הי' טמא ובדרך רחוקה, באווארענט מען עס דעם עיקר, ווארום א עבד ה' דארף זיין נישט נאר בלימוד התורה ותפלה, נאר אויך באכו"ש, און אכילה גסה דארף נישט זיין, ופשעים יכשלו בם, מ'קען עס אבער נישט געבן קיין כחות אויף קדושת היום, וואס ער האט פארשפעטיגט.

ס'איז טאקע מקדש ישראל והזמנים, ישראל אינהו דקדשינהו לזמנים, וויבאלד אבער אז דאס איז נישט קיין עיקרית'דיקע ענין, נאר א פרט בעבודה, איז וויבאלד ער האט פארשפעטיגט איז פארפאלען.

ווארום ליל פסח, אן אכילת הפסח איז דאך אויך דא בא עם, קדושת הזמן איז דא ביים טמא בט"ו ניסן, נאר דער פרט וואס ווערט ניתוסף, אין קדושת הזמן (בט"ו ניסן) דורך אכילת הקרבן דעמאלט, דאס פעלט בא עם.

(סיום שיחה זו - בהשמטה)

יב. ווי גערעדט פריער אז יצי"מ איז א ענין עיקרי, וואס איז אופגעטאן געווארן דורך לחמא עניא, וואס דאס איז מצה, וואס דאס איז אויך א ענין עיקרי, וואס דעריבער האט עס געקענט פועל'ן יצי"מ, ווי מ'זאגט בעבור זה בשעה שיש מצה ומרור, וואס בזה"ז איז דאך מדאורייתא נאר מצה.

וואס דער סדר צו צוגרייטען די מצה איז ווי די גמרא זאגט ג' נשים כו', זאגט ער אין כתהאריז"ל אז פארוואס איז געווען דוקא נשים, און איבערזאגענדיק אויף פשוט'ן לשון איז דאס:

ווארום גאולת מצרים איז אופגעטאן געווארן דורך דעם וואס מ'האט צוגעגרייט א דור וואס בעת קרי"ס איז געווען הם הכירוהו תחלה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 416 הודפס ע"י אוצר